

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## ראש השנה

# דער פסק דין איז אריין אין קראפט!

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

ראש השנה

# דער פסק דין איז אריין אין קראפט!

"קינדער," האט דער טאטע אויסגערופן, "ראש השנה קומט שוין באלד אן. מען דארף שוין אנהייבן מיט די הכנות."

"אקעי, ווען מיר גיין קויפן פיש?" האט יוסי געפרעגט.

"און מען דארף אויך מילגרוים, " האט איציק דערמאנט, ווי זיי זענען געגאנגען צום ריכטונג פון טיר.

"ניין, נישט דאס מיין איך. מאמי וועט שוין, מיטן אויבערשטנ'ס הילף, מסדר זיין די זאכן ווען זי וועט ארויסגיין ערלעדיגן די זאכן פאר יום טוב. איך האב דא אינזין אינגאנצן עפעס אנדערש".

דער טאטע מיט די אינגלעך האבן זיך געאיילט צו כאפן דעם שטאטישן באס, ווען זיי וואונדערן זיך וואו דער טאטע נעמט זיי.

"קינדער" האט דער טאטע זיך געווענדן צו די אינגלעך ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צו א גרויסער בנין, "דאס איז א בית משפט וואו קרימינאלן ווערן היינט פאר'משפ'ט ווערן. יעצט פארן יום הדין איז א גוטע געלעגנהייט זיך אומצוקוקן ווי עס קוקט אויס א משפט."

אוהא!" איז יוסי געווארן איבערראשט, "דו מיינסט צו זאגן אז מיר ווען עכט מיטהאלטן ווי איינער ווערט דא פאר'משפ'ט פאר זיין גאנצן לעבן?"

"אפשר", האט דער טאטע געשאקלט מיטן קאפ. "מען קען נישט וויסן פון פאראויס. אזוי ווי להבדיל, ווען השי"ת שרייבט א דין ראש השנה."

"דאס איז זייער שרעקעדיג!"

שטילערהייט זענען די אינגלעך נאכגעגאנגען דעם טאטן צום זאל וואו דער משפט וועט ווערן אפגעהאלטן. זיי האבן זיך אראפגעזעצט אויף די באשטימטע פלעצער. צו זייער איבערראשונג האבן זיי באמערקט ווי מען ברענגט אריין צדוק הצדיק - דער שווינדלער וואס האט פארקויפט פאלטשע סגולה שטיינער אינדרויסן פון זייער שול.

"צדוק," האט דער שופט אויסגערופן, "איך בין איבערגעגאנגען די עדות'שאפט פון דיין קעיס און איך האב געהערט דיין פארטיידיגונג. יעצט פאר איך רוף אויס דיין פסק, האסטו עפעס צו זאגן? און איך וויל דיר נאר דערמאנען אז דער אנקלאגער



האט געטון אן גאנצע ארבעט, אויפווייזנדיג אז אלעס וואס דו האסט פארקויפט, די הר סיני שטיינער, די רויטע קבלה בענדלעך, זענען אלעס פאלטש. און עס איז אויפגעוויזן געווארן אז די האר פון בלעם'ס אייזל איז פון דיין אייגענעם בארד."

צדוק האט געגעבן א שאקל מיט'ן קאפ און זיך אויפגעשטעלט, "איך וויל דא זאגן אז הרב גראסבערג האט געטון אן אויסגעצייכנטע ארבעט ווען ער האט מיר געלערנט די ריכטיגע וועגן פון תשובה. איך האב שוין געקלאפט על חטא אזוי שטארק אז איך האב מיך שיעור צעקלאפט מיינע ביינער. יעצט פלאן איך צו לערנען דעם גאנצן זוהר אז איך זאל טרעפן עכטע סגולה שטיינער וואס ארבעטן ערשט קלאסיג און איך זאל טרעפן די עכטע האר פון בלעם'ס אייזל. און אויב איר וועט מיר ארויסלאזן פריי זאג איך אייך צו אז איך וועל מתפלל זיין פאר אייך ביים קבר רחל וואס איך פלאן צו בויען אין אלעד."

צדוק האט געענדיגט דרש'ענען און זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ.

דער שופט האט געגעבן א קלאפ מיט'ן האמערל צוויי מאל, "אלע זאלן זיך אויפשטעלן צו הערן דעם ענדגילטיגן פסק," האט ער אויסגערופן.

יעדער אין זאל האט זיך אויפגעשטעלט, יוסי און איציק האבן געציטערט פאר צדוק. ווער ווייסט וואס זיין גורל וועט אויספאלן?

״צדוק,״ דיין דרשה האט באשטעטיגט אז אלעס וואס איך האב געהערט און געזען דא איז טאקע ריכטיג, דעריבער וויל איך אויסרופן: ״דער קעיס ווערט אויפגעלעזט, די סיבה דערצו, דער אנגעקלאגטער איז נישט אינגאנצן ביים פולן זינען.״

דער שופט האט געגעבן דעם לעצטן קלאפ מיטן האמערל, איידער ער איז ארויס פון זאל.

צדוק, הערנדיג די רייד האט זיך גענומען טאנצן אין דער הייך, ״יישר כח, אויבערשטער! איך האב דיך אזוי ליב!״ ער האט געפאטשט און זיך געקוילערט אויף דער ערד ארויסשפרינגנדיג פון זאל.

ארויסגייענדיג האט דער טאטע זיך אויסגעדרייט צו יוסי און איציק, ״קינדער, אויסער דאס געפיל וואס מיר האבן באקומען דא שטייענדיג פאר א משפט, וואס נאך קענען מיר זיך לערנען פונעם היינטיגן איבערלעבעניש?

״אז אויב מען איז צערודערט קען מען זיך ארויסדרייען פון ווערן באשטראפט?״

״אוי וויי, דאס זיכער נישט. דאס איז איין זאך וואס מען טאר זיך נישט אפלערנען. אבער קוק ווי פרייליך צדוק איז געווען ווען מען האט אויסגערופן אז ער איז באפרייט. פונקט אזוי דארפן מיר שפירן שוין יעצט!״

״אבער טאטי, מיר ווייסן דאך נאכנישט ווי אזוי דער אויבערשטער וועט אונז משפט'ן דעם קומענדיגן ראש השנה. עס איז נאך צו פרי צו זיין פרייליך.״

״צו פרי?!״ פרעגט דער טאטע פארוואונדערט, ״ס'איז שוין כמעט אריבער א גאנצע יאר, פון ווען דער אויבערשטער האט אונז גע'משפ'ט דעם פארגאנגענעם ראש השנה, און קוק, דו לעבסט. קוק צוריק אויפן יאר. השי״ת האט דיר פארגאנגענעם ראש השנה און יום כיפור פארשריבן א יאר פון לעבן, דארפן מיר זיין איבערגליקליך. דאס איז אזוי ווי מיר האבן באקומען א בריוו אז מיר זענען ארויס אויף דער פריי. און ווען מען גייט עס אן אז דער בריוו האט זיך פארשפעטיגט כמעט א יאר? מיר דארפן זינגען און טאנצן צו דאנקן דעם אויבערשטן פאר דעם וואס ער האט אונז געשאנקן נאך א יאר צום לעבן!״

יוסי און איציק זענען ארויס אין א טאנץ זינגנדיג אויפן וועג צום באס סטאנציע, ״טאטע איך לויב דיך, טאטע איך דאנק דיך, טאטע איך האב דיך ליב!״

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה״ג ר' משה בערגמאן שליט״א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**